# ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

## צוויי לידער

### אַ שורה — אַ פּערל

אַ גוטע שורה מיר געקומען
אויפֿן רעיון
ווי תּמיד, אין ערגסטן געהודזשע
פֿון באַנען
אַ שורה — אַ פּערל! כ׳האָב גענומען
שפּינען
דעם זײַדענעם פֿאָדעם
וואָס אים צו געפֿינען
נאָר פֿון אַקסל ביז הענט
צווישן גופֿים פֿאַרקלעמט
אַ פּען אַרויסנעמען וואָלט זײַן
גאָר אַ מופֿת
פּרוּווט מען עס האַלטן
פֿאַרשרײַבן אין מוח עס
מע חזרט און חזרט עס אײַן
ווי אַ תּפֿילה
און סע וואַקסט די שורה
ווערט אַ סטראָפֿע אַפֿילו
מע האַלט זי מיט כּוח
פֿאַרביסן מיט ציינער
נאָר דער שפּרײַ צעזייטע קלאַנגען
און טענער
פֿאַרשווענקט די חושים
ס׳כוואַליעט אַוועק דער אַרום
נאָר די שורה האַלט מען
מיט אײַזערנעם קלעם
און אַז אַרויס שוין פֿון וואַגאָן
מענטשן, בנינים סע פֿלייצט ווי
אַ שטראָם
און אַנדערע מחשבֿות
נעמען איבער דעם אויבן אָן
אין גאַנצן פֿון זינען אַראָפּ
די פּאָעזיע.
נאָר צוועלעווע בײַ נאַכט
ווען שטאָרעס פֿון טאָג
זיך לאַנג שוין פֿאַרמאַכט
צעשפּילט זיך די פֿאַנטאַזיע.
אוי, די שורה, די פּערל דער דימענט!
אין וואַסער אַרײַן, אים נישט צו געפֿינען
פֿאַרלוירן אַפֿילו דעם תּמצית
דאָס זוכן און גראָבן אומזיסט איז.
נאָר אפֿשר אין חלום וועט זי קאַריקקומען
מע זאָגט דאָך בפֿירוש: געקומען צו חלום
הלוואי...

-----------

## סירענעס אין דער נאַכט

מיט רעווערדיקע מײַלער פֿאַלן זיי אָן
גרויל איבער גרויל
מיט סטראַשעדיקע, זיך טוקעדיקע ליכטער
ברעכן זיך אַרײַן דורך די פֿענצטער
מיט צעצויגענעם געיאָמער
אַ פֿלאַמיקע שׂריפֿה ווו?
אַ שכנס אומגליק צעטרעסעט די רו?

סע שנײַדט זיך אַרײַן
שלאָגט אָפּ אויף די ווענט
אויף שויבן צעטרעסעט
ס׳פֿינצטערניש ברענט!

ס׳איז דאָס שטענדיקע וויגליד
וואָס פֿאַרוויגט אונדזער וואַך
ווען ס׳וויען סירענעס
וווּנדיקט די גאַס.